בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת יתרו
מברכים חודש אדר
כ"ד שבט שנת
תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 13
(28)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיפְרוּף פוּן אַ חָתָן נֵרוֹ יָאִיר אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה; נָאכְ'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה ו', מִמֶּלֶךְ עָנָו.**

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ חָכָם. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן צוּם חָכָם: בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין אַ מֶלֶךְ. וָואס עֶר חַתְמִית זִיךְ. אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר אוּן אֵיין אִישׁ אֶמֶת אוּן אֵיין עָנָיו. (כְּלוֹמַר אֵיין אֶמֶתִיר מֶענְשׁ אוּן הַאלְט פוּן זִיךְ נִישְׁט) אַ גִבּוֹר וֵוים אִיךְ. אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. וָוארִין אַרוּם זַיין מְדִינָה גֵייט דֶער יַם. אוּן אוֹיף דֶעם יַם. שְׁטֵייט חַיִל אוֹיף שִׁיפִין מִיט הוֹירְמַאטִים אוּן לָאזְן נִיט צוּ טְרֶעטִין. אוּן פוּן דֶעם יַם אִינֶעוֵוינִיק. אִיז פַאר הַאנְדְן אַ גְרוֹיסֶער זוּמְפּ אַרוּם דֶער מְדִינָה. וָואס סֶע אִיז דָארְטֶען מֶער נִיט דָא נָאר אַ קְלֵיין וֶועגִיל. וָואס סֶע קֶאן דָארְט נִיט גֵייִן נָאר אֵיין מֶענְשׁ, אוּן דָארְטִין שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ הוֹרְמַאטִין. אוּן אַז אֵייגֶער קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטִין שִׁיסְט מֶען מִיט דִי הוֹרְמַאטִים. קֶאן מֶען אַהִין נִיט צוּ טְרֶעטִין.**

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: וָואס הֵייסְט אַ גִבּוֹר?

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) לוֹיט ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ", וֶוער אִיז אַ גִבּוֹר? דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן וֶוערְן אִין כַּעַס; דָאס קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן אִינְדְרוֹיסְן צִי עֶר אִיז אַ כַּעֲסָ'ן, מֶען זֶעט ווִי אַזוֹי עֶר רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע.

**נָאר דָאס וָואס עֶר הַתְמִי'ט זִיךְ אַז עֶר אִיז אֵיין אִישׁ אֱמֶת אוּן אֵיין עָנָיו. דָאס וֵויים אִיךְ נִיט.**

אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן אִינְדְרוֹיסְן, מֶען קֶען נִישְׁט ווִיסְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז אַן עָנָיו אָדֶער נִישְׁט; דָאס אִיז אַ טָעוּת וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז דֶער צַדִּיק אִיז דֶער וָואס גֵייט אַיינְגֶעבּוֹיגְן, זַיין קָאפּ פַאלְט אִים אַרָאפּ וְכוּ', אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצז): "כִּי בְּוַדַּאי אֵין זֶה מַעֲלַת הָעֲנָוָה לְהַרְאוֹת עַצְמוֹ בִּכְפִיפַת רֹאשׁ בְּדֶרֶךְ שְׁטוּת כְּאִלּוּ הוּא עָנָו, כִּי זֶה עֲנָוָה פְּסוּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲנָוָה צוּ גֵיין מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ, מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ גְרָאדֶע אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶע קָאפּ אוּן זַיין בַּיי זִיךְ צֶעבְרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר.

אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיסְקוּקְן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אַ עָנָיו, עֶר גֵייט מִיט אַ אַיינְגֶעפַאלֶענֶע קָאפּ, עֶר קוּקְט אַלְץ אַרָאפּ, עֶר גֵייט אַלְץ

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

אִיךְ

הָאף אַז דוּ

הָאסְט הֲנָאָה פוּן דִי בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר יֶעדְן טָאג, מַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה אִיז נָאר אַז דוּ זָאלְסְט וֶוערְן מְחוּזָק אוּן דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אוּנְז אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט אִיז נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל) "אִם פָּגַע בָּךְ מְנֻוָּל זֶה מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ", אוֹיב דֶער מְנֻוָּל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט דִיךְ גֶעטְרָאפְן אוּן דוּ ווִילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, גֵיי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים. תּוֹרָה אוּן תְּפִילָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א) "עִיקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע הוּא, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, דֶער עִיקָר ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָ"ו, אוּן דִי תּוֹרָה הָאט דִי אוֹיסְזֶען פוּן דִי אוֹת ו', וַוייל דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים אוּן לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים, וְהַוָ"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל, אוּן אַ ו' זֶעט אוֹיס ווִי אַ שְׁטֶעקְן, כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, וַוייל אַזוֹי ווִי אַ מְשׁוּגֶעגֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, נָאר מֶען דַארְף אִים שְׁלָאגְן מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט אִיז דָאךְ אוֹיךְ ווִי אַ מְשׁוּגֶעגֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר מֶען דַארְף אִים שְׁלָאגְן מִיט דִי תּוֹרָה אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן זִינְדִיגְן.

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ ר' אַבְרָהָם ב"ר נַחְמָן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען יֶענֶע וֶועלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל צוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט תּוֹרָה הָאט עֶר נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז ווִי אַ חַי', ווִי אַ גוֹי רח"ל, תּוֹרָה אֵיידְלְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ, אוּן תּוֹרָה מַאכְט זַאט אַ מֶענְטְשׁ.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער וֶועק זִיךְ אוֹיף פוּן דַיין שְׁלָאף, כַאפּ אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן זָאג אַפָּאר פְּרָקִים, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן כָאטְשׁ אֵיין דַף גְמָרָא, עֶס קוּמְט אַ טָאג וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט אֵייגֶער אַלֵיין נַאקֶעט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, אוּן נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן דִיר. דָאס אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אֵייגֶער וֶועט דִיר זָאגְן אַז עֶר הָאט דִי בֶּעקִיטְשֶׁע פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אֵייגֶער וֶועט דִיר זָאגְן אַז עֶר הָאט דִי בֶּענְקְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַלֶעס אִיז שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אוּן נִישְׁט פַאר דֶעם זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", זֶע אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַ דַף גְמָרָא פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

<<<

אִין דִי זַייט פוּן דִי גַאס וְכוּ', מֵיינְט דָאס אָבֶער נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַן עָנָיו, עֶס קֶען זַיין אַז זַיין קָאפּ פַּאלְט אִים פָּשׁוּט אַרָאפּ..., עֶר קוּקְט אַלְץ אַרָאפּ וַוייל עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פָּשׁוּט צוּ קוּקְן צוּ יֶענֶעם אִין פָּנִים, הָאבְּנְדִיג מוֹרָא 'אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער עֶפֶּעס טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר...', עֶר גֵייט אִין דִי זַייט פוּן דִי גַאס וַוייל עֶר אִיז אַ בַּטְלָן וְכוּ'; דִי אַלֶע זַאכְן קֶענֶען פָּשׁוּט קוּמֶען פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר, פוּן וֵוייִנִיג זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן וָואס שְׁרַייבְּט (אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ"ן): "וְאַל תַּבִּיט בִּפְנֵי אָדָם בְּדַבֶּרְךָ עִמּוֹ", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן יֶענֶעם אִין פָּנִים וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים, - דָאס מֵיינְט מֶען גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶער אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר הָאט מוֹרָא 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר...' וְכוּ' - בַּיי אַזַא אֵיינֶעם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין עֲנָוָה נָאר פָּשׁוּט אַ קְרֶענְק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיסְזֶען מְסוּדָר'דִיג, אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער וְכוּ' אָבֶער אִינֶעוֵוייִנִיג אִיז עֶר אֵיין שְׁטִיק עֲנָוָה, עֶר הַאלְט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט: דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מִוּויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אִין הַארֶץ, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז זַיין רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן זָאגְן: "זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעדֶעס מֶענְטְשׁ וָואס דוּ זֶעסְט, בִּיסְטוּ חָשׁוּב'עֶר פוּן אִים", כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּן זַיין צֶעבְּרָאכֶענְקֵייט, אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ אִין זַיין הֵיילִיג סֵפֶר 'פְּרִי הָאָרֶץ' וִוי עֶר חַתְמְ'עֶט זִיךְ אוּנְטֶער זַיין נָאמֶען: "נְאוּם הַשָּׁפָל בֶּאֱמֶת, מְנַחֵם מֶענְדִיל" - דָאךְ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף אִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וְכוּ', אָבֶער אִינֶעוֵוייִנִיג אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין בַּיי זִיךְ.

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן מוֹהֲרָא"שׁ וַוייל עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוֹיבְן אָן מִיט אַ עָמוּד וְכוּ' בִּשְׁעַת דִי אַנְדֶערֶע מְפֻרְסָמִים אִין בְּרֶסְלֶב זִיצְן אוּנְטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי עוֹלָם וְכוּ' - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן וואוּ מֶען זִיצְט, מֶען קֶען זִיצְן אוֹיבְן אָן מִיט אַ עָמוּד אוּן זַיין בָּטֵל בַּיי זִיךְ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׁפְלוּת, וִוידֶער קֶען מֶען זִיצְן פוּן אוּנְטְן אוּן זִיךְ גְרוֹיסְן אִיבֶּער יֶעדֶעם וְכוּ'.

אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת אוּן כּוֹלְלִים אִיז דֶער נוֹשֵׂא פוּן 'גַאֲוָה' אוּן 'עֲנָוָה' גָאר אַ גְרוֹיסֶע סֶגְיָא, מֶען רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין גַאֲוָה וְכוּ', אָבֶער בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַרַיין אַזַא אֱלֹקוּת, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין אוּנְז, מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִמֵּילָא דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי זַאכְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן: 'מַיין דַאוֶוענֶען - אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'מַיין לֶערְנֶען - אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ - אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער', דֶערִיבֶּער וואוּ קוּמְט נָאךְ אַרַיין אִינֶעם בִּילְד דָאס 'אִיךְ', 'אִיךְ' - הָאבּ דָאס גֶעטוּן, 'אִיךְ' - הָאבּ יֶענְץ גֶעטוּן, אַלֶעס אִיז דָאךְ סַיי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אוּן אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט מִיט בְּרֶענְגֶען דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַלֶע פָּאטְרֶעטִין פוּן אַלֶע מְלָכִים. אוּן דֶער פָּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גִיחַתְמִ'ט כַּנַּ"ל) הָאט זִיךְ נִיט גִיפוּנֶען בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ אִיז פַאר בָּארְגִין פוּן מֶענְשֶׁען. וָוארִין עֶר זִיצְט אוּנְטֶער אַ פִירְהַאנְג. אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן דִי לַייט פוּן זַיין מְדִינָה.

אִיז דֶער חָכָם גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. הָאט זִיךְ דֶער חָכָם מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר בַּאדַארְף וִויסִין דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה (כְּלוֹמַר דִי זַאךְ פוּן דֶער מְדִינָה וִוי אַזוֹי דִי מְדִינָה פִירְט זִיךְ) אוּן דוּרְךְ וָואס קָאן עֶר וִויסְן דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה. דָארְךְ דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער מְדִינָה. וָוארְן אַז מִיבַּאדַארְף וִויסְן אַ זַאךְ. מוּז מֶען וִויסְן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער זַאךְ.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ סִימָן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ, זַיין לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער, דוּרְכְ'ן הֶערְן וָואס עֶר רֶעדְט; מֶען הֶערְט דִי אִינְהַאלְט פוּן זַיינֶע וֶוערְטְלֶעךְ. אוֹיבּ מֶען הֶערְט פוּן אִים לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִּיקִים, אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן דִי צַדִּיקִים - דַאן וֵוייסְט

אִין אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ן אִיז אַ גַאנְצֶע עֵסֶק וֶוער עֶס הָאט דִי חֵפֶץ פוּן רֶבִּי'ן אוּן יֶענֶע חֵפֶץ פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, אַלֶעס אִיז הֶבֶל הֲבָלִים, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט: (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר אִיר זָאלְט אַייךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ. וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס בֶּענְקְל וְכוּ'? אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ ר' נָתָן זָאגְן אַז עֶר הָאט דֶעם רֶבִּי'נְס קַאפְּל, הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט: דוּ הָאסְט דֶעם רֶבִּי'נְס קַאפְּל, הַאלְט אַייךְ מִיטְן קַאפְּל, אִיךְ הָאבּ דֶעם רֶבִּי'נְס קָאפּ. וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר, צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג וֶועט קוּמֶען דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזֶענְט אוֹיגְן אוּן וֶועט מִיר הַרְגְ'עֶנֶען, מֶען וֶועט מִיר אַרָאפּ לֵייגְן אוֹיפְן עֶרְד מִיט דִי פִיס צוּם טִיר אוּן קֵיינֶער וֶועט אוֹיף מִיר נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶעכַאפְּט וֶוען עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען בִּיטֶער אוּן שְׁוֶוער, דָאס וֶועט מִיךְ בַּאגְלֵייטְן.

ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", ר' נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ ר' נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, זָאגְט אִים ר' נָתָן: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶער דוּ קֶענְסְט דֶעם רֶבִּי'ן", וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים, קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט הֲבֵל הֲבָלִים, עֶר הָאט גֶעקֶענְט מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט יֶענֶעם, נָאר מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, הֵייבּ אָן מִיט דִי גְרִינְגֶע סְפָרִים וִוי לְמָשָׁל "סֵפֶר הַמִּידּוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד ר' נַפְתָּלִי (וָואס עֶר אִיז אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי עֵדִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תִּיקּוּן הַכְּלָלִי): "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חַבֵר, דִי סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד", אָדֶער "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מֶען זָאל עֶס דְרוּקְן אִין אִידִישׁ דַוְקָא, אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן עֶס קֶענֶען לֶערְנֶען, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען דֶעם רֶבִּי'ן. אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט אִין לֶעבְּן.

(גענומען פון עצתו אמונה פרשת טהרה תשע"ו)

מֶען שׁוֹין גְלַייךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז אִין שְׁטִיק טוּמְאָה.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, סֵפֶר תּוֹרָה, הֲלָכָה ג) אַז לֵיצָנוּת אִיז 'אֲבִי אֲבוֹת הַטֻּמְאָה'; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָּׁה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וִוי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הַבָּא לִיטַּמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל קֶענֶען אַוֶועק גֵיין, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ", זָאגְט רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאבְּן חֲזַ"ל אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ, אוּן עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מְמֵילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין עֲבֵירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער מְסִלַּת יְשָׁרִים (מְסִלַּת יְשָׁרִים, פֶּרֶק ה) שְׁרַייבְּט אַז לֵיצָנוּת אִיז וִוי אַ פַּאנְצֶער קֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם; פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט זִיךְ אָן אַ פַּאנְצֶער קֶען מֶען אִים נִישְׁט שִׁיסְן - דִי פַאלְן גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין אִין אִים, אַזוֹי אִיז לֵיצָנוּת אַ פַּאנְצֶער אַנְטְקֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ חֲתוּנָּה גֶעמַאכְט אִין אַ אַנְדֶערֶע לַאנְד, יֶענֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעהָאלְפְן וְכוּ' בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אַהִין צוּ דִי חֲתוּנָּה אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב, יֶענֶע וָואךְ בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן לֵיל שִׁשִּׁי וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲתוּנָּה, גֶעוֶוענְלִיךְ הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְגֶעהַאלְטְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפֶעלְט פוּנֶעם שִׁיעוּר, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ פָארְגֶעהַאלְטְן: "וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ?" הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּ יֶענֶעמְס חֲתוּנָּה אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב וְכוּ'" הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט זֵייעֶר שַׁארְף: "וָואס?!; צוּ אִים בִּיסְטוּ גֶעפָארְן אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב?! עֶר ווִיל דִיר אוּמְבְּרֶענְגֶען..."; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א יֶענֶער פְלֶעגְט מַאכְן לֵיצָנוּת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר אָנְגֶעוָוארְנְט אִיךְ זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן אִים, וַוייל דוּרְךְ זַיינֶע לֵיצָנוּת קֶען אִיךְ חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן מַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן לֵצִים וַוייל לֵיצָנוּת קֶען אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם צַדִּיק רַחֲמָנָא לִצְלָן. לֵיצָנוּת הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דֶער לֵץ קוּמְט נִישְׁט מִיט קַיין הֶסְבֵּרִים אַנְטְקֶעגְן דֶעם צַדִּיק, עֶר גֶעבְּט אַ קְלֵיינֶע לַאךְ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט צִי עֶר זָאל וַוייטֶער קוּמֶען צוּם צַדִּיק וַוייל יֶענֶער הָאט גֶעלַאכְט...; בַּאלְד גֵייסְטוּ אַרוֹיס פוּן שׁוּל וֶועט דִיר אֵיינֶער אָפְּשְׁטֶעלְן פְרֶעגְן: "וואוּ הָאסְטוּ גֶעדַאוֶוענְט, אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? וָואס הָאט מֶען גֶערֶעדְט דָארְט, מֶען הָאט ווִידֶער גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת... פוּן תְּהִלִּים... פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת..." - יֶעצְט וֶוערְסְטוּ אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט, דוּ וֵוייסְט שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט פַארְוָואס דוּ קוּמְסְט צוּם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט דָאךְ דָארְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ'.... אֶפְשָׁר דַארְף עֶר יֶעצְט טַאקֶע צוּרִיקְגֵיין צוּ זַיין אַלְטֶע פְּלַאץ וואוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט וַוייל יֶענֶער אַזוֹיגֶערוּפֶענֶער חָבֵר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט...; בַּאלְד וֶועט אֵיינֶער צוּקוּמֶען צוּ דִיר אוּן זָאגְן מִיט אַ בִּיטּוּל: בַּאלְד וֶועט אֵיינֶער צוּקוּמֶען צוּ דִיר אוּן זָאגְן מִיט אַ בִּיטּוּל: "אַה, דוּ דְרֵייְדְסְט זִיךְ אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'... וואוּ מֶען מַאכְט חֲתוּנָּה יוּנְג, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז מֶען רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת...?; מֶען מַאכְט בִּילִיגֶע חֲתוּנוֹת, עֶנְק זֶענֶען קְלוּגֶער פוּן יֶעדְן..." - יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין 'מוּזְן' אוֹיסְגֶעבְּן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶערְס וַוייל יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אַה...", יֶענֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ לַאךְ...

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קלג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", גִיוַואלְד, דִי וֶועלְט אִיז פִיל מִיט לִיכְט אוּן ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת אוּן דֶער קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פְּשַׁט דֶערִין וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד [מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט צוּלֵייגְן אַז אִין אַ טָארְבֶּעלֶע פוּן אַן אָרֶעמַאן קֶען מֶען אוֹיךְ אַמָאל טְרֶעפְן אַ בְּרִילְיַאנְט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַמָאל הֶערְן פוּן אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ אַ טֵייעֶר וָוארְט], אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן הֶערְט שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - סַיי מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט פַּרְנָסָה, מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט וָואס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶּער - גִיוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס", אַז אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב טְרֶעפְט אָן אַ לֵץ אוּן דֶער לֵץ פְרֶעגְט אִים: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" אוּן יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט אִים אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקְל וואוּ עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְן וְכוּ' וְכוּ', מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטּוּל אוּן יֶענֶער טְרַאכְט שׁוֹין וְכוּ'... אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גִיוַואלְד"; אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: "גִיוַואלְד, גִיוַואלְד".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ קֶען מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסֶער אַ לֵץ, אֶפְשָׁר זֶענֶען דָא סְפֶּעצִיעֶלֶע דַיָּנִים אָדֶער מַשְׁפִּיעִים וָואס קֶענֶען זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט לֵצִים אָבֶּער אִיךְ דֶערְוַוייטֶער זִיךְ זֵייעֶר פוּן זֵיי. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי הֲלָכָה וָואס וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ'עט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן קה, סְעִיף ד): אוֹיבּ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן קַאלְטֶע מִילְךְ אוֹיף אַ הֵייסֶע שְׁטִיקְל פְלֵייש וֶוערְט סַיי דִי מִילְךְ אוּן סַיי דִי פְלֵייש אָסוּר צוּ עֶסְן, וַוייל 'תַּתָּאָה גָּבַר', דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דִי הֵייסֶע פְלֵייש מַאכְט אוֹיךְ הֵייס דִי קַאלְטֶע מִילְךְ, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דִי מִילְךְ גֶעוֶוען הֵייס אוּן דִי פְלֵייש קַאלְט, בְּלַייבְּן בֵּיידֶע מוּתָּר צוּ עֶסְן, וַוייל דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער וָואס אִיז קַאלְט מַאכְט אוֹיךְ קַאלְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֵייט אָבֶּער דָארְט (שָׁם, וְעַיֵּין שָׁם בְּטוּרֵי זָהָב סְעִיף קָטָן ו, וש"ך סְעִיף קָטָן ז) אַז מֶען דַארְף אָפְּשֵׁיילְן אַ דִינֶע שִׁיכְט פוּן דִי פְלֵייש, וַוייל 'אַדְּמֵיקַר לֵיהּ בָּלַע', בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט קַאלְט פוּנֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן הָאט דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער אַבִּיסְל שׁוֹין אַיינְגֶעזַאפְּט אַ טַעַם פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, - זֶעט מֶען פוּן דֶעם וֶוען צְוֵויי זַאכְן קְרִיגְן זִיךְ קֶען אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכֶערֶער אַבִּיסְל שֶׁעדִיגְן דֶעם שְׁטֶערְקֶערְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְקָרֵב זַיין אֵיינֶעם, מֶען רֶעדְט מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁוַואכְן, אוֹיבּ אִיז יֶענֶער אַ לֵץ לֹא עָלֵינוּ, וֶועט עֶר בִּיז-דֶערְוַוייל וָואס דוּ בִּיסְט אִים מַסְבִּיר דֶעם רֶבִּי'נְס 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד', וֶועגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִיךְ פַארְדְרֵייעֶן מִיט זַיינֶע קֻשְׁיוֹת: "וָואס אִיז דֶען וֶוערְד סְתָם זָאגְן וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אָן פַארְשְׁטֵיין...?" "פַארְוָואס דַארְף מֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דֶען נִישְׁט גֶענוּג צוּ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב...?"; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועמֶען מֶען רֶעדְט, עֶר זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָוארְן סֶע פַאר הַאנְדְן כַּמָּה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער ווִיל טַאקֶע יֶענֶעם טְרֶעפְן מִיט זַיינֶע רֵייד. אוּן אַז יֶענֶער קוּקְט זִיךְ אַרוּם. זָאגְט עֶר אִים אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוֶועס אַזוֹי וִוי סֶע שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיּוֹרֶה זִקִּים וְכוּ' וְאָמַר

הֲלֹא מְצַחֵק אֲנִי (כְּלוֹמַר אַזוֹי וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט פַּיילְן אִין הַארְצְן אַרַיין. אוּן עֶר זָאגְט אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוֶועס) אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מֵיינְט טַאקֶע אוֹיף קַאטָאוֶועס. אוּן עֶר אִיז פָּארְט מַזִּיק דֶעם אַנְדֶערְן מִיט זַיינֶע רֵייד. אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָּה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אִין אַלֶע מְדִינוֹת אֵיין מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. (כְּלוֹמַר דִי מְדִינָה אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער כְּלַל פוּן אַלֶע מְדִינוֹת) אוּן אִין דֶער מְדִינָה אִיז פַאר הַאנְדְן אַ שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטֶעט פוּן גָאר דֶער מְדִינָה וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. אוּן אִין דֶער שְׁטָאט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיין שְׁטוּבּ וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶּער פוּן דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטוּבּ אִיז פַארְהַאנְדְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז כּוֹלֵל גָאר דִי שְׁטוּבּ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מַאכְט גָאר דָאס לֵיצָנוּת אוּן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גְעוֶוען: דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ וֶוער עֶר אִיז - לוֹיט זַיינֶע רֵייד, וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט; אִיךְ בִּין זֵייעֶר סֶענְסִיטִיוו צוּ הֶערְן בַּדְחָנִים בַּיי חֲתוּנוֹת, צוּמָאל דֶערְקֶענְט מֶען גְלַייךְ אוֹיף זֵיי וֶוער זֵיי זֶענֶען, זֵיי רֶעדְן גְעמֵיין, מִיט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז אִים פַארְדַארְבְּן רַחֲמָנָא לִצְּלָן".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אַ בָּחוּר: אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט פוּן אַנְדֶערֶער בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, זֵיי רֶעדְן פוּן מֵיידְלֶעךְ וְכַדּוֹמֶה, אַנְטְלוֹיף פוּן אִים וִוי פוּן פֵייעֶר; אִיךְ בֶּעט דִיר, אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט אָדֶער דוּ הֶערְסְט אֵיינֶעם רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ מִיר גְלַייךְ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר מַדְרִיךְ גְעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי יְשִׁיבָה, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי יְסוֹדוֹת; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אִין יְשִׁיבָה בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען לֵיידֶער גְעוֶוען זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן דֶערְפוּן, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט: 'לָאז אִים קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין וֶועט עֶר זִיךְ טוּישְׁן אוּן צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אָבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט זֵיי זָאל אִיךְ פַארְשִׁיקְן פוּן יְשִׁיבָה, וַוייל אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֵיי הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה אֲפִילוּ אֵיין טָאג קֶענֶען זֵיי פַארְדַארְבְּן אַלֶע אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דָאס וָואס אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג אַ בָּחוּר זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס רוּחָנִיּוּת דָאס אִיז אַלֶעס וֶוען אַ בָּחוּר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן צְווִישְׁן זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין רַחֲמָנָא לִצְּלָן - דֶעמָאלְט דַארְפְסְטוּ אִים נִישְׁט נָאכְקוּקְן, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט דַיין עֵסֶק, אָבֶּער וֶוען אַ בָּחוּר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה הָאט דָאס דָאךְ יָא צוּטוּן מִיט דִיר, בַּאלְד וֶועט עֶר דִיר מְטַמֵּא זַיין הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דִי אוֹיפְרוּף פוּן דֶעם חָתָן נֵרוֹ יָאִיר אוּן גֶעזָאגְט: מִיר הָאבְּן דָא דֶעם טֵייעֶרֶער חָתָן נֵרוֹ יָאִיר, אֶפְשָׁר אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגֶע צַייט דָאס אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען; אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ הָאבּ גְעעֶפֶענְט דִי הֵיילִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ עֶפֶענֶען אַלֶע כִּיתּוֹת אוֹיף אֵיינְמָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעפְּלַאנְט קוֹדֶם צוּ עֶפֶענֶען נָאר פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ צוּלֵייגְן דִי אַנְדֶערֶע כִּיתּוֹת, אָבֶּער הֶערְנְדִיג מֶען עֶפֶענְט אַ חֵדֶר, זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעטוּן אַ ווִילְדֶע זַאךְ, אַ שִׁגָּעוֹן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי נִיצְט דֶעם לָשׁוֹן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י): 'אוּן הָאט גִיטָאן אַ ווִילְדֶע זַאךְ אוּן סֶע אִיז טַאקֶע גְוֶוען צוּם אֶמֶת אַ שִׁגָּעוֹן', זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ קַאר מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אִין חֵדֶר אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן... אִיךְ דַארְף זִיךְ יֶעצְט פָּארֶען מִיט קִינְדֶער פוּן אַלֶע יָארְגֶענְג, אָבֶּער אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען, אַלֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אָדֶער הָאבְּן זֵיי חֲתוּנָה בְּקָרוֹב, דֶער חָתָן אִיז שׁוֹין פוּן דִי יוּנְגְסְטֶע, דֶער יוּנְגְסְטֶער אִיז מַיין זוּן אֶלְחָנָן חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר וָואס גֵייט אוֹיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם חֲתוּנָה הָאבְּן בְּקָרוֹב; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי צָאלְט צוּרִיק פַאר אֵיינֶער וָואס טוּט פַאר אִים מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶוער וֵוייסְט, וֶוען נִישְׁט דֶער רֶבִּי - וואוּ זֵיי וָואלְטְן גְעהַאלְטְן, צִי זֵיי וָואלְטְן שׁוֹין גֶעהַאט גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר שִׁידּוּךְ, אָפְּגֶערֶעדְט דִי פְּשׁוּטֶ'ע מִשְׁפָּחוֹת נָאר אֲפִילוּ דִי שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחוֹת מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיךְ סְתָּם אַזוֹי, מֶען זִיצְט מִיט קִינְדֶער פוּן דִי אַכְצְן בִּיז דִי אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶע. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וֶוער עֶס הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, עֶר הֶעלְפְט בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּי'נְס מוֹסְדוֹת, אִיז זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן. יֶעצְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזַא מְסִירַת נֶפֶשׁ דָאס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער הַיינְט אִיז דָא אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָדֶער דֶעם קוּמֶענְדִיגְן חֵדֶר וָואס מֶען וֶועט עֶפֶענֶען - אַז מֶען וֶועט טוּן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ וֶועט דֶער רֶבִּי צוּרִיק צָאלְן זֵייעֶר שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**שִׂיחוֹת:** נָאךְ דֶעם שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע שִׂיחוֹת אִיבֶּער דִי עִנְיָנִים וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר אוּן גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי רֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן 'לֵיצָנוּת' דַארְף מֶען אָבֶּער ווִיסְן נִישְׁט אַלֶעס הֵייסְט לֵיצָנוּת; אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ זֶענֶען דָא צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, 'לֵיצָנוּת' אוּן 'בְּדִיחוּת', 'לֵיצָנוּת' מֵיינְט שְׁפֶּעטְן אוּן חוֹזֵק מַאכְן פוּן אַ עֶרְלִיכֶע זַאךְ, אָבֶּער 'בְּדִיחוּת' מֵיינְט סְתָּם פְרֵיילִיכֶע וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ וֶוערְטְל וָואס מֶען מֶעג זָאגְן וַוייל עֶס הָאט נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת אִין זִיךְ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: בַּיי מִיר בַּיי דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדוֹת מַאכְט מֶען אַסַאךְ וֶוערְטְלֶעךְ עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער, מַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר הָאט נֶעכְטְן גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל וָואס אִיז נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת: אֵיינְמָאל הָאט אַ אַמֶערִיקַאנֶער אִיד גְעוָואלְט זָאגְן פַאר אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵלְ'דִיגֶער אִיד אַז עֶס רֶינְט וַואסֶער פוּן זַיין עֶירְקָאנְדִישָׁאן, אָבֶּער דֶער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵלְ'דִיגֶער אִיד הָאט נָאר גֶעקֶענְט לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, דֶער אַמֶערִיקַאנֶער אִיד הָאט נִישְׁט גְעווָאוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט עֶס אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם..." - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט דָאס אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ וֶוערְטְל וָואס מֶען מֶעג זָאגְן.

נָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ מִיט דִי פָאלְגֶענְדֶע דְרֵיי תְּנָאִים: אֵיינְס - אָן קַיין נִיבּוּל פֶּה; צְווֵייטְנְס - נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס חֶשְׁבּוֹן; דְרִיטְנְס - מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען זִיךְ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "הַיינְט גֵייט זָאגְט וֶוערְטְלֶעךְ"; מֶען קֶען לֶערְנֶען פְּשַׁט אִין רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער "הַיינְט גֵייט זָאגְט וֶוערְטְלֶעךְ" אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, אֵיינְס, וֶוער קֶען נָאךְ הַיינְט זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ מִיט אַזֶעלְכֶע דְרֵיי שְׁוֶוערֶע תְּנָאִים, אָבֶּער מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן פְּשַׁט אַז הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין טַאקֶע זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ וֶוען מֶען גֶעט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי דְרֵיי תְּנָאִים.